STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 02320

ARBETER UN FOLKS LIDER

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

אינהאַלט פאַרצייכענונג

זייט

אינהאַלט 4-3
און דו אַקערסט 5
שנעל לויפן די רעדער 5
פאַרמוטשעט אין פינסטערער תפיסה 6
נעמט זיך צונויף, שוועסטער און ברידער 7
מייער כאַזער 8
שלאָף מיין קינד 9
מאַי־ליד 10
אַ ליבע איז אַן אומגליק אַף דער וועלט 11
באַליבטע שטאָט 12
יאָגן זיך צוויי טייכן 13
דזשאַנקאָי 14
קאַרטאָפל ליד 15
באַגלייטן זיינען מיר געגאַנגען 16
אַף די פעלדער 16
מעכוטענעסטע מיינע 17
די ווערבע 18
מאַרגאַריטקעס 19
קאַרשעלעך 20
שמחה מיט זיין אידענע 21
אַפן אויוון זיצט אַ מיידל 23
האָב איך מיר אַ מאַנטל 24
רבי אלימילך 24

מיינע האָמענטאַשן 26
רויטע סטעפּן קאַוואַלעריע 27
יוגנט שבועה 28
פריילאַכער שניידער 29
אונזער גאַסט 30
הערסטו דעם רוף! 31
„אוי זייט מיר און האָט מיר" 32
אַמעריקע מיין היים! 33

PAGE

Keep the Score for 46 35-36
I Am the Wise Guy 37
Yome, Yome 38
Daisies 39
By The Fireside 40
Let's Be Friends 41
The House I Live in 43
Hymn for the Nations 44
The United Nations 45
Star Spangled Banner 46

און דו אקערסט

באַארבעט: יעקב שייפער
טעקסט: ה. זשיטלאָווסקי

און דו אַקערסט און דו זייסט,
און דו פיטערסט, און דו נייסט,
און דו האמערסט, און דו שפינסט
זאָג, מיין פאָלק, וואָס דו פארדינסט.

נאָר וואו איז דיין טיש געגרייט,
נאָר וואו איז דיין יום־טוב קלייד?
נאָר וואו איז דיין שאַרפע שווערד;
ווען איז גליק איז דיר באַשערט?

מאן פון ארבעט, אויפגעוואכט,
און דערקען דיין גרויסע מאכט.
ווען דיין שטארקע האנט נאָר וויל,
שטייען אַלע רעדער שטיל.

שנעל לויפן די רעדער

ווערטער: דוד עדעלשטאַט
מוזיק: יעקב שייפער

שנעל לויפן די רעדער, ווילד קלאפן מאשינען,
אין שאפ איז שמוציג און הייס,
דער קאָפּ ווערט פארטומלט, אין אויגן ווערט
פינצטער,
פינצטער פון טרערן און שווייס.

איך פיל שוין ביי זיך קיין גאנצן אבר.
צעבראָכן, צעדריקט איז מיין ברוסט,
איך קען שוין פאר ווייטאָג מיין רוקן ניט בויגן,
ביינאכט לאָזט ניט שלאָפן דער הוסט.

ס'לויפט אום דער מייסטער, א חיה א ווילדע,
ער טרייבט צו דער שחיטה די שאָף.
אָ, ווי לאַנג וועט איר וואַרטן, ווי לאנג וועט
איר דולדן,
ארבעטער ברידער, וואכט־אויף.

פאַרמוטשעט אין פינסטערער תפיסה

פון רוסיש אידיש: א. קאָוונער

פאַרמוטשעט אין פינצטערער תפיסה,
אין קאַמף פאר דער ארבעטער מאכט,
באגעגנט דעם טויט האָסטו העלדיש
ביסט ערלעך געפאלן אין שלאכט.

נייך, שנאה האָט בלויז אונז געוואָרגן,
געטריבן אין שלאכט האָט אונז מוט—
ביים קבר מיר האָבן געשוואוירן
באצאָלן דעם פיינט פאר דיין בלוט.

פאר אונז איז נאָר איין וועג דאָ — דיינער
ווי דו זיין אין תפיסה פאַרשמאַכט,
א לעבן אלץ שטרייטן, אלץ קעמפן
און פאַלן, ווי דו, פאַר דער זאַך.

נעמט זיך צונויף, אוי, שוועסטער און ברידער

(פון בערעגאָווסקי׳ס זאַמלונג

און י. שייפער׳ס „אַ בונט מיט אַ סטאַטשקע")

נעמט זיך צונויף, אוי שוועסטער און ברידער,
וועל איך אייך געבן צו פארשטיין,
אַז מיר ארבעטן פון אַכט ביז צען,
האָרעווען מיר גאָר אומזיסט.
און אז מיר ארבעטן פון אַכט ביז זעקס,
וועל איך אייך געבן צו פאַרשטיין.

אַ סאָבראַניע האָבן מיר זיך סאָביראַיעט
און אַ שפּיאָן האָט אונז דערזען.
מיט גרויס פּאַראַד האָט מען אונז פאַרנומען
גלייך צום ספּראַווניק, אוי, אַהיים.

פּריקאַזאַניעס האָבן מיר אָנגעגעבן.
אָפּגעלאָזט האָט מען אונז היים.
דעם עלטסטן ברודער פון אונז ניט,
מיר דארפן זען פאר אים גיין
ביז דער לעצטער קאַפּליע בלוט.

מייער באַזער

באארבעט: י. שייפער

מייער כאזער איז קיין סטאמבאָל געפאָרן
ער האָט געמיינט זיך
פארבעסערן די יאָרן,
ער האָט געמיינט זיין לעבן מאַכן בעסער
האָט מען אים ארייגעריקט
א זאגראניטשנעם מעסער.

מיסטאמע איז דאָס אים
אזוי געווען באשערט
ער זאָל ליגן טיף באַגראָבן
אין סטאמבולער ערד,
ער האָט געוואָלט זיין
גלייך צו די געטער
האָט מען אים אף מאָרגן
געלייענט אין די בלעטער.

שלאָף מיין קינד

טעקסט: שלום עליכם

שלאָף מיין קינד, מיין קרוין, מיין שיינער,
שלאָף־זשע, ליו־ליו־ליו !
שלאָף מיין לעבן, מיין קדיש איינער,
שלאָף־זשע, זונעניו !

באַ דיין וויגל זיצט דיין מאמע,
זינגט אַ ליד און וויינט.
ווערסט אמאָל פאַרשטיין מסתמא,
וואָס זי האָט געמיינט.

אין אמעריקע איז דער טאַטע
דיינער, זונעניו !
ביסט א קינד נאָך שלאָף לעת־עתה !
שלאָף־זשע, ליו־ליו־ליו !

ער וועט שיקן צוואנציק דאָלער,
זיין פאָרטרעט דערצו,
און וועט נעמען — לעבן זאָל ער !
אונדז אַהינצוצו.

מאַי-ליד

טעקסט: מ. ראָזענפעלד   מוזיק: האַנדעל

דער מאַי איז געקומען
מיט זיין צויבער, מיט זיין פּראכט·
אַלע גראָזן, אַלע בלומען
האָבן אויפגעוואכט.

ווידער גרינט עס אף די פעלדער,
גלאנצט עס איבעראַל.
ווידער גרינט עס אין די וועלדער
און ס'זינגט דער נאַכטיגאַל.

נעמט דער פרילינג מאָלן
מיט זיין פּענזל, וואָס ער שמירט.
ווערן בערג ,ווערן טאָלן —
די ערד מיט גרינס באַצירט.

אַ ליבע איז אַן אומגליק
אויף דער וועלט

פאָלקס־ליד

מוזיק אַראַנזשירט פון **יעקב שייפער**

אוי, אַ ליבע איז אַן אומגליק אויף דער וועלט,
צו וועמען זי פאַלט נאָר אַריין,
עס קאָסט אָפּ פיל כוחות און געלט,
צי קען מען דען ערגער זיין?

צו וואָס האָט מיר געטויגט צו וויסן
אַ ליבע אויף דער וועלט צו ברענגען?
מיין האַרץ ווערט מיר אויסגעריסן,
דורך אַ ליבע קען מען זיך נאָך הע־ווענ־גען.

היינט זיצן מירביידע אויף אַ באַנק —
צומאָרגנס מוזטו אָוועקפאָרן,
פון האַרצווייטיק מיט איך שוין קראַנק,
אוי וויי איז צו מיינע יאָרן.

אוי, וואָס האָט מיר געטויגט צו וויסן,
אַ ליבע אויף דער וועלט צו ברענגען?
מיין האַרץ ווערט מיר אויסגעריסן,
דורך אַ ליבע קען מען זיך הע־ווענ־גען...

באַליבטע שטאָט

טעקסט לויט רוסישן: **חיים שווארץ**
מוזיק: **באָגוסלאַוו**

צום ווייטן גרענעץ
פליט אוועק דער פליער,
דער ווינט געדויש —
באַגלייט אים אינעם קריג.
באַליבטע שטאָט —
פארגייט אין בלויען נעפל:
דאָס שטיבעלע,
דער גרינער סאָד,
א צארטער בליק.

עס וועט דער כאַוועד —
דורכגיין הייסע שלאַכטן
פון אינדערפרי
ביז טיפער נאַכט אריין
נאָר ליבע שטאָט —
וועט שלאָפן א באַוואַכטע
און כאָלעמען און בליען
העל אין פרילינג־שיין.

און ווען אַהיים —
דער כאַוועד וועט זיך קערן —
וועט מילדער ווינט
באַגלייטן אים צוריק:
באַליבטע שטאָט —
וועט שמייכלען אים אַנטקעגן
דאָס שטיבעלע,
דער גרינער סאָד,
א צארטער בליק.

יאָגן זיך צוויי טייכן

אידיש: ב. פרידמאן מוזיק: פּאָלאַנסקי

יאָגן זיך צוויי טייכן —
בירא און בידזשאַן.
צווישןביידע טייכן
א פריילִיך ליד פאראן.

האָלץ, באַזאַרגן וועלדער,
טייכן גיבן פיש.
פעלדער ברויט דערלאַנגען
צו דעם נייעם טיש.

זון אף פרישע פעלדער,
שטראַל אף נייעם דאך —
ס'האָבן אַזוי אידן
קיינמאָל ניט געלאַכט.

הערן זיך די ביימער צו,
הערט זיך צו די ערד:
מיר האָבן דעם געלעכטער
קיינמאָל ניט געהערט . . .

דורך געדיכטע וועלדער
יאָגט מיט פרייד א באַן:
נייע אידן קומען
אין לאַנד בירא־בידזשאַן!

זאָל געגריסט אף ערד זיין
יעדער נייער שפּאַן!
עס זינגט די פרייע אַרבעט
אין לאַנד בירא־בידזשאַן!

ד ז ש א נ ק אָ י

סאָוועטישע פאָלק־ליד

אז מעפאָרט קיין סעוואַסטאָפּל
איז ניט ווייט פון סימפעראָפּל
דאָרטן איז א סטאנציע פאַראַן,
ווער עס זוכט דאָרט נייע גליקן
ס'איז א סטאנציע אַן אנטיקל
אַך דשזאַנקאָיע דזשאַן, דזשאַן דזשאַן.

ר ע פ ר י י ן:

היי דזשאַן, היי דזשאנקאָיע . . .

ענטפערט אידן אויף מיין קאַשע
וואו איז מיין ברודער וואו'ז אַבראַשע
ס'גייט בא אים א טראַקטאָר ווי א באַן
די מומע לייע באַ דער קאָסילקע
ביילע בא דער מאָלאָטילקע
אַך דזשאנקאָיע דזשאַן, דזשאַן, דזשאַן

ר ע פ ר י י ן:

ווער זאָגט אז אידן קענען נאָר האנדלען
עסן פעטע יויך מיט מאנדלען
און ניט זיין קיין ארבעט־מאַן
דאָס קענען זאָגן נאָר די סאָנים
אידן! שפייט זיי אָן אין פּאָנים
טוט א קוק אַף דזשאַן—דזשאַנקאָי

ר ע פ ר י י ן:

קאַרטאָפל ליד

פון סאָוועטישן

לאָמיר אויסזינגען א לידל
ווי אין לאגער איז געווען
אף דער זון מיר פלעגן ליגן
ווי די קעצעלאך זיך געברענט.

א רחמנות אפן בייכל
ס'וואקסט און וואקסט דער אפעטיט,
אפן אָונטיקן מייכל
זיך דערווארטן קען מען ניט.

פלאקערט פייער, צווייגלאך קנאקן,
פליען פונקען פון דעם פלאם
און קארטאָפעלאך געשמאקע
קיצלען נאָז מיט זייער טעם.

איי קארטאָפעלאך צו קייען
איז שוין איינמאָל אן אנטיק,
אלע זאָגן סא מחיה
אלע זאָגן סארא גליק.

באגלייטן זיינען מיר געגאנגען

(פאָלק ליד)

נייער טעקסט: איציק פעפער

מוזיק באַארבעט פון סילוויא סאמאראָוו

באגלייטן, באגלייטן זיינען מיר געגאנגען,
די יונגע פריזיוועניקעס אין ארמיי.
ווי א רויטער עפל איז די זון געהאנגען,
און צום טאַקט געסקריפעט האָבן טריט.

געלערנט, געכאַזוערט האָט מירל די געזאנגען
לוסטיק מונטער שטענדיק איר געמיט,
פריילעך האָבן ווינטן געענטפערט אף די
קלאנגען . . .
און צום טאַקט געסקריפעט האָבן טריט.

געזונגען האָט מירל און די אויגן פינקלען,
ווי א שנערל פערל אירע ציין
לאָמיר כעוורע אלע מונטערער נאָך זינגען
און דעם סוינע וועלן מיר געבן כריין, עסן כריין!

אף די פעלדער

נייער טעקסט: איציק פעפער

אף די פעלדער, וואו ס׳ווייען ווינטן (3 מאָל)
די קאלווירטניצעס סנאָפּעס בינדן.

שווערע סנאָפּעס פול מיט זאנגען (3 מאָל)
פול מיט מונטערע געזאנגען.

און די זון זי ברענט ווי פייער (3 מאָל)
יעדע שאָ איז פאַר אונדז טייער.

ס'האָט דאָס פעלד אונדז ברויט געגעבן (3 מאָל)
פאַר דעם נייעם שיינעם לעבן.

מעכוטענעסטע מיינע

(א פאָלק ליד)

מעכוטענסעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
אוי לאָמיר זיין אף אייביק מעכוטאָנים!
איך גיב אייך אוועק מיין טאָכטער פאַר א שנור,
זי זאָל ביי אייך ניט אָנווערן דאָס פּאָנעם.

מעכוטענעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
מיין קינד זאָלט איר פרי ניט וועקן;
און טאָמער וועט איר זען אן אוולע אף מיין קינד,
ווי אן אייגענע מאמע זאָלט איר דאָס פארדעקן.

מעכוטענעסטע מיינע, מעכוטענעסטע געטרייע,
איך פאָר צו אייך מיט א פאַריקל;
טאָמער וועט איר זייט אַ שלאַק, אַ בייזע שוויגער,
בין איך אויך א שנורל אן אנטיקל.

ח. נ. ביאַליק

די ווערבע

ניט בייטאָג און ניט ביינאַכט,
גיי איך אַרום פאַרטראַכט ;
ניט אויף באַרג און ניט אויף טאָל,
שטייט אַ ווערבע פון אַמאָל.

אַ גבירה׳טע אַ גרויסע
איז די ווערבע, אַלצדינג ווייסט זי,
ביי דער ווערבע וועל איך וועגן
מיין באַשערטן טאַקע פרעגן.

און זי וועט מיר אַלץ דערציילן,
צי מיין געליבטער קומט פון פוילן,
צי פון ליטע, צי פון זאַמוט ;
אַ באַנקיר אָדער אַ מלמד.

צי אַ בלאָנדער, אַ ברונעטער,
אַ בחור, צי אַ געגעטער.
און אפשר גאָר אַן אַלטן אידן —
בין איך טאַקע ניט צופרידן.

איך וועל זאָגן: טאַטע טויט מיך,
נאָר ניט צום שידוך נויט מיך;
איי, איך וועל דאָס ניט אויסהאַלטן,
כ׳וויל, טאַטע, ניט קיין אַלטן.

ז. שניאור

מאַרגאַריטקעס

אין וועלדל באַם טייכל, דאָרט זיינען געוואַקסן
מאַרגאַריטקעלעך עלנט און קליין;
ווי קליינינקע זונען מיט ווייכינקע שטראַלן,
מיט ווייסינקע . . . טראַ־לאַ־לאַ.

געגאַנגען איז חוהלע שטיל און פאַרחלומט
צעלאָזן די גאָלדענע צעפּ.
דאָס העלדזל אַנטבלויזט און געמורמלט, געזונגען
א לידעלע: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

דאָ קומט איר אַנטקעגן א בחור א שוואַרצער,
מיט לאָקן, מיט שוואַרצע ווי פּעך;
ער פלאַמט מיט די אויגן און ענטפערט איר לוסטיק,
און ענטפערט איר: טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

— וואָס זוכסטו דאָ מיידעלע, וואָס האָסטו פאַרלאָרן?
וואָסווילסטו געפינען אין גראָז?
—איך זוך מאַרגאַריטקעס—פאַררויטלט זיך חוה,
פאַרויטלט זיך . . . טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־.

— דו זוכסט נאָך? און איך האָב שוין טאַקע געפונען.
די שענסטע מאַרגאַריטקע אין וואַלד.
א מאַרגאַריטקע מיט צעפּ און מיט אויגן סאַפּירן,
מיט אויגעלעך . . . טראַ־לאַ־לאַ־לאַ.

קארשעלעך

(פאָלק ליד)

שווארצע קארשעלעך רייסט מען
און גרינע לאָזט מען שטיין,
שיינע מיידעלעך נעמט מען
און מיאוסע לאָזט מען גיין.

אי, ווײ איז צו מיר
און צו מיינע יאָרן,
א ליבע נ׳אונדז ביידע געפירט
פעליקע דריי פערטל יאָרן

וואָס טויג דער נייער וואלעץ
אז טאנצן קען איך אים ניט,
וואָס טויג ס׳מיידעלע פון שלאעץ
אז ליבן, ליבט זי מיך ניט.

אי, ווײ איז צו מיר, א.א.וו.

וואָס טויג מיר די פאלקע מאזורקע
אז שפילן קען איך זי ניט,
וואָס טויג מיר דאָס מיידעלע פון בערקא
אז ליבן, ליבט זי מיך ניט.

אי, ווײ איז צו מיר, א.א.וו.

שמחה מיט זיין אידענע

פון יאָסל קאָטלער

שמחה האָט געאַרבעט
בא שלעסער פאַרשידענע,
איז געווען א סך אַרבעט:
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.
דיידא, די דיידא, די דיידא, דידאַ.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין שלעסער —
האָט ער באקומען א פלאץ
צו קאָטשען פעסער.

פעסער און פעסלעך
אלע פאַרשידענע,
איז געווען א סך פעסער:
האָט אים געהאָלפן זיין אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די אַרבעט,
נישטאָ מער קיין פעסער —
האָט ער אויסגעזוכט א שטעלע
איז געוואָרן א פּרעסער.

האָט ער געפּרעסט און געביגלט
קליידער פאַרשידענע,
איז געווען א סך אַרבעט:
האָט אים געביגלט די אידענע.

האָט זיך אויסגעלאָזט די ארבעט,
נישטאָ וואָס צו פרעסן —
איז ער געזעסן ליידיק,
נישט געהאט וואָס צו עסן.

האָט ער געהונגערט און געקרעכצט
מיט זיפצן פארשידענע,
איז געווען א סך קרעכצן:
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

זענען געקומען די פרעסט
מיט די ווינטן פארשידענע —
האָט אים דער לענדלאָרד ארויסגעזעצט
אין גאַס מיט דער אידענע.

האָט ער געצאָרנט מיט שנאה,
אף די באָסעס פארשידענע,
און אָנפּאַטשן דעם לענדלאָרד —
האָט אים געהאָלפן די אידענע.

אפן אויוון זיצט א מיידל

אידיש פאָלק ליד

אפן אויוון זיצט א מיידל, טומבא, טומבאַ, באַ.
און זי העפט א ווייסע קליידל, טומבא, טומבאַ, באַ.

איז אַ בחור אָנגעפלויגן, טומבאַ, טומבאַ, באַ;
ז'האָט דעם פאָדעם אָפּגעצויגן, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.

— איי דו בחור, איי דו פייער, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.
ס'וועט דיך קאָסטן זייער טייער, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.

כ'וועל ניט פרעגן דיך פון וואַנען, טומבאַ,
טומבאַ, באַ,
כ'וועל ניט אָפּלאָזן פון דאַנען, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.

ניט מיט שטריק וועל איך דיך פענטן, טומבאַ,
טומבאַ, באַ,
נאָר מיט מיינע ווייסע הענטלעך, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.

כ'וועל דיך האַלדזן, כ'וועל דיך ליבן, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.
איז דער בחור דאָרט פאַרבליבן, טומבאַ,
טומבאַ, באַ.

אפן אויוון זיצן צווייען, טומבאַ, באַ,
ניט זיי העפטן, ניט זיי נייען, טומבאַ, טומבאַ, באַ.

האָב איך מיר א מאַנטל

האָב איך מיר אַ מאַנטל פון פאַרצייטיקן שטאָף,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,לאַ,
האָט ער ניט אין זיך קיין גאַנצענעם שטאָך
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,לאַ,

דאַרום האָב איך זיך באַטראַכט
און פון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,לאַ,
טראַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ־לאַ,לאַ,
און פון דעם מאַנטל אַ רעקל געמאַכט.

פון רעקל — א וועסטל
פון וועסטל — א היטל
פון היטל — אַ קעשענע
פון דער קעשענע — א קנעפל.

רבי אלימלך

טעקסט : משה נאַדיר

אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן זייער פריילעך,
איז געוואָרן זייער פריילעך — אלימלך,

האָט ער אויסגעטאָן דעם קיטל
און האָט אָנגעטאָן די היטל
און געשיקט נאָך די פידלער — די צוויי.

צוויי ⎰ און די פידלדיקע פידלער
מאָל ⎱ האָבן פידלדיק געפידלט
⎰ האָבן פידלדיק געפידלט — האָבן זיי.

און אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך,
איז געוואָרן נאָך מער פריילעך — אלימלך

האָט ער אָפּגעמאַכט הבדלה
מיטן שמש רב נפתלי
און געשיקט נאָך די צימבלער — די צוויי

⎱ און די פּייקלדיקע פּייקלעך
צוויי ⎰ האָבן צימבלדיק געצימבלט,
מאָל ⎱ האָבן צימבלדיק געצימבלט — האָבן זיי.

און אז דער רבי אלימלך
איז געוואָרן גאָר שטאַרק פריילעך
איז געוואָרן גאָר שטאַרק פריילעך — אלימלך

האָט ער אויסגעטאָן די תפילין
און האָט אויסגעווישט די ברילן
און געשיקט נאָך די פּייקלער — די צוויי

⎱ און אַז די פּייקלדיקע קייקלעך
צוויי ⎰ האָבן פּייקלדיק, געפּייקלט,
מאָל ⎱ האָבן פּייקלדיק געפּייקלט, האָבן זיי.

מיינע האָמענטאַשן

ווײכנע־דוואָשע פּאָרט אין שטאָט,
האַלט זיך אין איין פּאַקן —
דאַרף אויף פּורים קויפן מעל,
האָמענטאַשן באַקן.

חאַפּ מיינע האָמענטאַשן
חאַפּ מיינע ווייסע
ס'האָט מיט מיינע האָמענטאַשן
גראָד פּאַסירט א מייסע.

ס'גייט א רעגן, ס'גייט א שניי
ס'קאַפּעט פון די דעכער —
ווײכנע־דוואָשע פּירט שוין מעל
אין א זאַק מיט לעכער.

חאַפּ, מיינע האָמענטאַשן . . .

ניטאָ קיין פּוטער, ניטאָ קיין מעל,
אויך פאַרגעסן הייוון —
נאָר מיט מאַזל, ס'איז שוין גרייט,
ס'באַקט זיך שוין אין אויוון.

חאַפּ, מיינע האָמענטאַשן . . .

ווײכנע פּירט שוין שאַלאַך־מאָנעס
צו דער באָבע יענטע:
צוויי־דריי שוואַרצע האָמענטאַשן
האַלב־רוי האַלב־פאַרברענטע.

חאַפּ, מיינע האָמענטאַשן . . .

רויטע סטעפּן קאַוואַלעריע

אידיש: מילער מוזיק: קניפּער

פעלד, פעלד — איר פעלדער
פעלד און פעלדער, פעלדער ברייטע.
פאָרן איבער פעלדער רויטע העלדן,
עך, עס פאָרן העלדן, רויט־אַרמייער.

(עך) וויינען הייגט מיידלאך,
אוי, ווי אומעטיק זיי זיינען,
ליבסטער איז אוועקגעפאָרן,
עך, אין דער ארמיי אַוועקגעפאָרן.

(עך) ווייסן מיר, ווייסן מיר,
וואָלקן גרויע, בייזע, קלייבן זיך,
טיף אין וואלד די סאָנים גרייטן זיך,
שטורעם בייזער, בלוטיק גרייט זיך דאָרט.

(עך) מיידלעך, זעט נאָר זעט,
ס'איז ניט איצט די צייט פאַר טרערן,
אַף קאָלכאָזן אַרבעט זאָל א קאָך טאָן,
לידער איבער פעלדער זאָלן קלינגען.

יוגנט שבועה

ווערטער: לייב מלאך

בלאַנדזשע מער ניט אין דער פינסטער
וואנדער מער ניט אין דער נאכט
פריי און מוטיק פאַראויס ברודער
ליכט און וויסן איז דיין מאכט.

ניט לאָז פון צווייפל זיך באהערשן
טויט דעם יועש אין דיין ברוסט
פריי און מוטיק פאַראויס ברודער
ס'וועט דער קאמף ניט זיין אומזיסט.

ס'וועט א העלע זון נאָך שיינען
און באַשטראַלן גאָר די ערד.
נאָר ביז דאן זיי מוטיק ברודער
ניט פארלאָז פון האנט דיין שווערד.

ס'מעג דיין וועג זיין פול מיט שטיינער
ניט שרעק זיך ברודער פארן רוט
פאר דער פרייהייט מוז מען קעמפן
ביז דעם לעצטן טראָפן בלוט.

פריילאכער שניידער

פאָלק ליד

אַז די יאָנטעוודיקע טעג הייבן זיך אָן צו באַווייזן,
ווער איך בא מיר א גאָדל,
איך לייג מיר אוועק די שער און אייזן
און וואו כ'האָב בא מיר נאָר א נאָדל.

אויפגעהערט נייען, ארבעט זוכן,
האַרצעדיקער טאטע!
אַביסעלע וויין און יאַמטעוו צו פארזוכן
איז בעסער ווי לייגן א לאטע.

כאָטש אין דער מלחמה פאַרשטיי איך מיר ווייניק—
וואָס האָט מען דאָ צו שמיסן,
ווען איך זאָל זיין א גרויסער קעניג,
וואָלט איך פארבאָטן צו שיסן.

איך וואָלט ניט דערלאָזט אזוינע רציכעס
איך וואָלט געזאָגט אָן מוירע:
אנשטאט זיך צו שלאָגן —ביידע מלוכעס —
בעסער גיין צו א דין טוירע.

אז די יאַמטעוודיקע טעג הויבן אָן צו פארגיין,
האַרצעדיקער טאַטע,
איז ווידער שניידן און ווידער נייען
און ווידער לייגן א לאַטע.

ווידער ציט זיך דאָס אלטע לעבן,
ס'נעמט באם האַרצן רייסן
אוי ווי כאַנע, סערצע לעבן,
צי האָסטו ניט וואָס צו פארבייסן.

אונדזער גאַסט

טעקסט: י. גויכבערג   מוזיק: פּאָלקס־מאָטיוו

לאָמיר אונדזער גאַסט באַגריסן,
לאָמיר נחת פיל געניסן,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר אונדזער גאַסט באַגריסן.

לאָמיר אונזער וואָרט פאַרשפּרייטן,
אויפן יידיש־פעלד דעם ברייטן!
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר אונזער וואָרט פאַרשפּרייטן!

לאָמיר קיינמאָל מיד נישט ווערן,
אויפן באַרג אַרויף דעם שווערן,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר, לאָמיר,
לאָמיר קיינמאָל מיד נישט ווערן.

הערסטו דעם רוף!

טעקסט: חיים שווארץ מוזיק: מאנשינגער

הערסטו דעם רוף, מיין פריינט?
ס'קלינגט איבעראַל,
ס'טראָגט זיך פון שטאָט און דאָרף
מעכטיקער שאַל,
שטורעם מיט העלדן מוט
ס'גאנצענע לאנד!
לאָמיר צוזאמען גיין,
גיכער גיב מיר דיין האנט,
דרייסטער צום זיג, פאָרויס, ברידער!

שטיי ניט פון ווייטן איצט,
רייף איז די צייט,
טאָג פון צערעכענונג
איז שוין ניט ווייט.
אויסברענען וועלן מיר
בלוטיקע שאנד,
לאָמיר . . .

בייז איז דער פיינט און שטארק,
קריצט מיט די ציין.
לאָמיר צעשמעטערן
שונא'ס געביין.
ס'הויבן זיך פעלקער אויף
ברעכן די וואנט
לאָמיר . . .

„אוי, זייט מיר און האָט מיר"

(ווייס־רוסיש פאָלקס־ליד)

אידיש: י. פעפער באַאַרבעט: נ. סאַמאַראָוו

אוי, זייט מיר און האָט מיר
און לעבט אין אשירעס,
און מיר וועלן פאָרן
צו זיך אין די דירעס.
מיר האָבן געהוליעט
מיט אַלע צוזאַמען,
ס'האָט קיינער געזען נאָך
א יאַנטעוו אזא מין.

בא אייך זיינען פעלדער
גערוימע און ברייטע,
מיר ווינטשן אייך יאָרן
מיט פריידן פארזייטע,
מיר ווינטשן אייך טייכן
מיט וואסערן העלע,
זאָל שווימען אף טייכן
פון גענדז א קאפעליע.

— איז בויט די קאָלווירטן
און לעבט אין אשירעס,
און זאָלן אזש פּלאצן
פון רייכקייט די דירעס.
געשמאק זאָלט איר עסן
און גוט זאָלט איר קאָכן
קארטאָפליעס און פליישן
מיט קרויט אינדערוואָכן.

מיר ווייסן שוין גוט
אייער שטוב, אייער געסל,
און גיבן דאָס וואָרט אייך
אָן אייך ניט פארגעסן
אזוי צי אף יאָנטעוו
שוין קומען מיר וועלן,
און ס'וועלן מאטאָנעס
שוין דעמאָלט ניט פעלן.

אמעריקע, מיין היים!

טעקסט: ב. ווייסמאַן מוזיק: העלפמאַן

— פון מזרח און מערב און צפון און דרום —
זיינען מיר, אידן, אהער דאָ געקומען,
מיט אָרעמס צעפראלטע און אָפענע טירן
האָסטו אונז, אַמעריקע, דאָ אויפגענומען...

צוזינג:

איז ברידער און שוועסטער, דערוואכט
און געגאנגען
פארטיידיקן לאָמיר די היים און דאָס לאנד: —
אקסל צו אקסל און פלייצע צו פלייצע —
אנטקעגן דעם שונא — א מעכטיקע
וואנט!.. (2 מאָל)

געיאָגטע, פארטריבן, מיט שנאה באליידיקט —
געמיטער דערשלאָגן, צעווייקטע אין פיין —
האָסטו אונז א מענטשלעכע היים דאָ געגעבן
און טרוימען געלאָזט אונז אין זוניקער שיין...
איז ברידער און שוועסטער א.א.וו.

MEMO

The big boys' taxes you forgave
With touching sentiment,
Then you lined up the little guys,
Socked 'em 20 percent.
It was fun to freeze our wages, but
Of course your finer feeling
Saved all the helpless millionaires
From a 25 thousand ceiling.

CHORUS:

We'll remember in November
How you voted in the spring;

We're keeping score for '46
And we won't miss a thing.
You said you'd roll back prices,
It was the only way,
So then you kicked out subsidies
And hog-tied OPA.
You said you'd help fight Hitler,
This old world's greatest curse—
If only you could have a crack
At Labor Unions first.

CHORUS:

O listen all you Congressmen,
Be careful how you stray,
'Cause we'll r'ar up to greet you
On our next voting day.

The membership is lagging,
My branch don't seem to grow,
When I should be recruiting—
You'll find me at a show.

CHORUS:

My branch holds a social,
I'm dressed up fit to kill.
I sing and dance the Lindy-Hop,
The others pay the bill.

CHORUS:

KEEP THE SCORE FOR '46

O listen all you Congressmen:
No matter where you roam,
We're keeping score for '46
For we're the folks back home.
So don't forget you work for us,
Be careful how you stray—
'Cause we'll r'ar up to get you
On our next votin' day!

CHORUS:

We'll remember in November
How you voted in the spring;
We're keeping score for '46
And we won't miss a thing.

Yome:
Yes, mother dear, yes,
The truth I will confess,
My secret you have guessed.

I AM THE WISE GUY

I belong to the branch for years,
  I never paid a cent;
That's one of the reasons why
  My branch can't pay the rent.—Oh

CHORUS:

I am the wise guy—
  A lazy guy am I,
When I should be active,
  I'm always on the fly.
I joined the dram group,
  I'm acting every day,
Always on rehearsals
  But never in the play.

CHORUS:

My branch holds a lecture
  On subjects broad and deep,
The speaker never bothers
  For I am fast asleep.

"YOME, YOME"

Mother:

Yome, Yome, tell me truly
What your heart desires (2)
To Beryl the shoemaker, I will
take you.
Golden slippers, he will make you.

Yome:

No, mother dear, no,
To Beryl I will not go,
My heart, you do not know.

Mother:

Yome, Yome, tell me truly
What your heart desires.
To Yosel the tailor, I will take you.
A gown of silver cloth he will make you.

Yome:

No, mother dear, no, etc.

Mother:

Yome, Yome, tell me truly
What your heart desires.
To Moishe the Shadchen, I will
take you.
A handsome shidduch, he will
make you!

DAISIES

Z. Shneier

Deep in the forest, down by the river
Daisies are growing so fair.
Their petals so white
And their hearts gold with sunlight.
With sunlight, tra la la la la.

Down to the river a maiden
comes strolling,
'Tis Yomele, lovely and fair.
With eyes that are bright
And with cheeks blushing rosy,
She hums a gay tune, tra la la.

Deep in the forest, down by the river,
A handsome youth wanders alone.
His eyes are a-glow as he spies
the young maiden,
He echoes her song, Tra-la-la.

"Pray, tell me fair maiden, what
may you be doing?"
"I seek daisies fair." She replies.
When you grow older, my dear child:
"More lovely than daisies are you,
Far more lovely,
A blossom so fair, tra-la-la-la."

BY THE FIRESIDE

By the fiireside, snug and warm,
In a cozy place;
Little children and their teacher,
Chant the "Aleph Bais."

Listen children mine,
Remember little ones,
The letters of God's law!
Chant ye once again and yet once again
"Kometz Aleph Au"

When you grow older, my dear
children,
You will understand!
How much love and how much hope
In these letters stand.

Listen children mine, etc.

LET'S BE FRIENDS AGAIN

Folk Song

Let us be friends again, friends again
Take another chance (2)
2 { Let us be friends again
Come on out and dance.

Let us be friends again, friends again
Have a cup of tea (2)
2 { Let us be friends again,
Take a look at me.

Let us be friends again, friends again
Much too long we've tarried (2)
2 { Let us be friends again,
Come and let's be married.

The town hall and the soap box,
The torch of Liberty,
A home for all God's children
That's America to me.

The words of old Abe Lincoln,
Of Jefferson and Paine,
Of Washington and Jackson,
And the tasks that still remain,
The little bridge at Concord,
Where Freedom's fight began,
Our Gettysburg and Midway,
And the story of Battan;

The house I live in,
The goodness everywhere,
A land of wealth and beauty
With enough for all to share,
A house that we call Freedom,
The home of Liberty,
And a promise for tomorrow,
That's America to me.

None shall push aside another,
None shall let another fall;
March beside me, O my Brother,
All for one, and one for all!

THE HOUSE I LIVE IN

Words by Lewis Allan
Music by Earl Robinson

WHAT IS AMERICA TO ME
A NAME, A MAP, THE FLAG I SEE,
A CERTAIN WORD, "DEMO-
CRACY,"
WHAT IS AMERICA TO ME?

The house I live in,
The friends that I have found,
The folks beyond the railroad
And the people all around,
The worker and the farmer,
The sailor on the sea,
The men who built this country,
That's America to me.

The house I live in,
My neighbors, white and black,
The people who just came here,
Or from generations back,

HYMN FOR THE NATIONS

From the Ninth Symphony
Text: JOSEPHINE BACON
Music LUDWIG Van BEETHOVEN

Brother, sing your country's Anthem,
Shout your land's undying fame;
Light the wondrous tale of nations,
With your people's golden name.

Tell your father's noble story,
Raise on high your country's sign;
Join, then, in the final glory—
Brother, lift your flag with mine!

Hail the sun of peace, new rising,
Hold the war clouds closer furled;
Blend our banners, O my Brother,
In the rainbow of the world!

Red as blood, and blue as heaven,
Wise as age, and proud as youth;
Melt our colors, wonder woven,
In the great white light of Truth!

Build the Road of Peace before us,
Build it wide and deep and long;
Speed the slow and check the eager,
Help the weak and curb the strong.

THE UNITED NATIONS

Text: V. T. Romm
Music: D. Shostakovitch

The sun and the stars all are ringing
With song rising strong from the earth
The hope of humanity singing
A hymn to a new world in birth

Refrain:

United Nations on the march
With flags unfurled;
Together fight for victory
A Free new world;

Take heart all you nations swept under
By powers of darkness that ride
The wrath of the people shall thunder
Relentless as time and the tide.

UNITED NATIONS . . .

As sure as the sun meets the morning
And rivers go down to the sea
A new day for mankind is dawning
Our children shall live proud
and free

UNITED NATIONS . . .

STAR SPANGLED BANNER

Oh, say can you see
By the dawn's early light
What so proudly we hailed
At the twilight's last gleaming
Whose broad stripes and bright stars
Through the perilous fight
O'er the ramparts we watched
Were so gallantly streaming
And the rocket's red glare
The bombs bursting in air
Gave proof through the night
That our flag was still there.
Oh say does that Star Spangled
    Banner yet wave
O'er the land of the free
And the home of the brave.

MEMO

MEMO

MEMO

MEMO

Dorothy (alkon) Kaplan

HE 7345